# שִׂיחוֹת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## פרשת כי תצא שנת תש"פ לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| **קול**<br>**ברסלב**<br>**212-444-9191** | **חיזוק פאר די**<br>**אידישע שטוב**<br>**212-444-9169** |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| **אימעיל** | **טעלעפאון מעסידזשינג** |
| chizikyomi@gmail.com | 347-630-2876 |

# שלש סעודות פרשת עקב תש"פ לפרט קטן

דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן מיט'ן פסוק (דברים י, יב): "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ, כִּי אִם לְיִרְאָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ, לָלֶכֶת בְּכָל דְּרָכָיו וּלְאַהֲבָה אֹתוֹ, וְלַעֲבֹד אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ" - משה רבינו זאגט פאר כלל ישראל: "וואס בעט שוין דער אייבערשטער פון אייך, נאר צו האבן יראת שמים", פרעגן חכמינו זכרונם לברכה חכמינו (ברכות לג:): "אָטוּ יִרְאַת שָׁמַיִם מִילְּתָא זוּטַרְתָּא הִיא", יראת שמים איז דען עפעס א קלייניקייט, אז משה רבינו זאגסט: "וואס בעט שוין דער אייבערשטער, נאר צו האבן יראת שמים?!" ענטפערט די גמרא: "אִין, לְגַבֵּי מֹשֶׁה מִילְּתָא זוּטַרְתָּא הִיא", פאר משה רבינו איז יראת שמים א קלייניקייט; פרעגט דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו (עיין דגל מחנה אפרים פרשת תצוה, בתחלת הפרשה) למעשה רעדט דאך משה רבינו צו כלל ישראל, איז דאך ווייטער שווער די קשיא, איז דען יראת שמים א קלייניקייט, אז משה רבינו זאגט: "וואס בעט שוין דער אייבערשטער פון אייך נאר צו האבן יראת שמים?!" נאר זאגט דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו פשט אזוי, "לְגַבֵּי מֹשֶׁה", אז מען גייט צו א צדיק, מען איז דבוק אין משה רבינו, "מִילְּתָא זוּטַרְתָּא הִיא", דעמאלט איז יראת שמים א קלייניקייט.

האט דער ראש ישיבה שליט"א דאס מסביר געווען: דער צדיק לערנט אויס: "מְעַט גַּם כֵּן טוֹב", אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט; ער צולייגט די עבודת השם אויף קליין געלט, עס איז אויך פאר דיר, דו קענסט אויך זוכה זיין צוצוקומען צו יראת שמים.

עבודת השם איז א שווערע זאך ווילאנג מען איז נישט דבוק צו א צדיק, אבער אז מען האט א צדיק וואס לערנט אויס: "רעד ארויס איין ווארט צום באשעפער", "לערן כאטש אביסל" - דעמאלט איז עבודת השם זייער גרינג.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט: רבי נתן איז געווען זייער א גרויסער למדן, בעפאר ער איז נתקרב געווארן צום רבי'ן האט

ער געהאט א חבורה פון נאך דריי חברים וואס האבן געלערנט צוזאמען מיט התמדה, זיי האבן געקענט גאנץ ש"ס מיט אלע תוספות אויף אויסעווייניג, זיי פלעגן פון צייט צו צייט איבער גיין אלע תוספות פון ש"ס אויף אויסענווייניג, יעדער חבר האט געזאגט איין שטיקל, דער די קשיא און דער אנדערער דעם תירוץ, אזוי זענען זיי איבער געגאנגען אלע תוספות. דאך האט רבי נתן זכרונו לברכה געזאגט: "ווען איך האב געהערט דעם דיבור פון רבי'ן: "מְעַט גַּם כֵּן טוֹב", אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט, האב איך אנגעהויבן צו לערנען מער פלייסיגער.

א מענטש האט ליב צו לערנען ווען אלעס קלאפט, אלעס איז מסודר, קומט אבער אויס זייער אסאך צייט וואס פאלן אוועק וואס מען לערנט נישט; יעדן טאג קומט אונטער אנדערע תירוצים, היינט האב איך נישט קיין חברותא, היינט פיל איך נישט גוט, היינט האב איך א שמחה, עס איז נאר דא פינף מינוט... אבער אז מען ווייסט פון דעם דיבור פון רבי'ן: "מְעַט גַּם כֵּן טוֹב", אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט, גייט נישט אדורך א טאג אן לערנען די הייליגע תורה.

אפילו מען האט נאר פינף מינוט צייט קען מען אריין כאפן א משנה דא, א משנה דארט; וואו מען געפונט זיך כאפט מען אריין א משנה, א קאפיטל תהלים.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט: רבי נתן האט געהאט א תלמיד 'רבי נחמן טולטשינער זכרונו לברכה' ער איז נתקרב געווארן צום רבי'ן פון די מעשה, ווען ער איז געווען א יונגל איז ער געווארן א יתום לא עלינו און זיין פעטער האט אים מגדל געווען. ביי דעם פעטער פלעגן איינשטיין גרויסע רבנים, און רבי נחמן טולטשינער פלעגט זיך אלץ צוהערן וואס מען שמועסט, אבער ער האט נישט פארשטאנען וואס זיי רעדן, זיי האבן גערעדט פון גרויסע זאכן - וואס פשוט'ע מענטשן קענען נישט ניצן, איינמאל איז ר' נתן געקומען צו גאסט אין דעם שטאט טולטשין איז ער אויך איינגעשטאנען ביי דעם פעטער. האט ר' נחמן טולטשינער געהערט ווי ר' נתן זאגט תורה, און אינמיטן די תורה האט ר' נתן געזאגט ווערטער וואס האט געכאפט זיין הארץ: "די וועלט איז

נישט, און מען קען עס נישט באקומען, תורה ותפילה איז יא און מען קען עס באקומען"; די ווערטער איז אים אריין אין הארץ און ער האט געמאכט א קשר מיט ר' נתן. ווען ר' נתן האט געזען אז דער בחור נחמן האט אין זיך אסאך תמימות האט ער אים מקרב געווען און אים געזאגט ווי אזוי ער זאל לערנען וכו', ביז ער איז אויסגעוואקסן און געווארן "רבי נחמן טולטשינער". ווען מען פלעגט פרעגן דעם ר' נחמן טולטשינער ער זאל דערציילן א מופת פון ר' נתן, פלעגט ער זאגן: "א מופת בין איך" - פון "נחמן וואסער טרעגער" איז געווארן "ר' נחמן טולטשינער".

# שיחות וספורים

## עצתו אמונה אויף א פשוט'ע שפראך

נה) איינער האט אנגעהויבן מתרגם צו זיין די בריוו פון 'עצתו אמונה' אויף לשון הקודש, האט עס דער ראש ישיבה שליט"א געשיקט צו איינעם ער זאל דאס איבער קוקן, יענער האט דאס איבער געקוקט און געזאגט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א: עס איז זייער שיין, אבער עס איז צו פשוט געשריבן, עס האט נישט די שיינע רייכע שפראך וואס מען שרייבט געווענליך, עס איז געשריבן אזוי ווי 'אשר בנחל', האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "דאס איז וואס איך וויל; איינער וואס זוכט א שיינע שפראך און רייכע ארטיקלען האט גענוג ביכער צו ליינען, די בריוו וואס איך שרייב איז געמאכט פאר איינער וואס איז צעבראכן עס גייט איבער אויף אים שוועריקייטן זאל ער האבן התחזקות, ווען א מענטש איז צעבראכן זוכט ער נישט קיין רייכע ארטיקלען און שיינע שפראך".

## 'עצתו אמונה' קומט צו לערנען שבת

נו) דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט פאר די וואס זענען עוסק אין ארויסשיקן די 'בית נצחי' און 'עצתו אמונה' אויף פאסט אז זיי זאלן זען עס ארויסצושיקן אום מיטוואך אינדערפרי, ווייל עס געדוירט געווענליך די פאסט זאל אנקומען צוויי טעג, אזוי וועט מען עס שוין באקומען בעפאר שבת.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: מען זאל דאס אבער נישט פארשפרייטן בעפאר דאנערשטאג, עס זאל נאר זיין צו באקומען ערשט אויף שבת, די קונטרס קומט צו ליינען שבת אנשטאט די צייטונגען און מאגאזינען; אויב די עצתו אמונה קומט ארויס בעפאר שבת און מען האט דאס שוין אפגעליינט בעפאר שבת, בארגט מען אנדערע ביכער פון די שכנים, דאס וויל איך נישט.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: 'עצתו אמונה' קומט אויף שבת, עס האט אן אנדערער טעם ווען מען לערנט דאס אום שבת.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "זייט אינגעלייט האבן מיר געזאגט אז זיי און זייערע ווייבער ברענגען מער נישט אריין אין שטוב קיין שום צייטונגען און מאגאזינען, זיי נעמען נאר אריין אין שטוב 'עצתו אמונה', מוז איך זען עס זאל ארויסקומען יעדן ערב שבת א קונטרס 'עצתו אמונה', און ווי פארנומען איך בין נאר, מוז איך מאכן צייט צו שרייבן בריוון, אז די משפחות זאלן האבן וואס צו ליינען".

## זיך פארלאזן נאר אויפ'ן אייבערשטן

איינער פון די אינגעלייט וועלכע האבן געהאלטן אינמיטן קויפן א הויז אינעם שטעטל האבן דערציילט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א אז איינער פון זיינע קרובים גייען אים פארבארגן א גרויסע סכום געלט ער זאל קענען ענדיגן קויפן דעם הויז, א שטיק צייט שפעטער האט דער ראש ישיבה שליט"א אים געפרעגט "ווי האלטסטו מיט'ן מקח"? האט דער אינגערמאן געזאגט ער האט נאכנישט די געלט, האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "ווייל דו האסט זיך פארלאזט אויף א מענטש אז ער וועט דיר העלפן צוליב דעם האסטו נאכנישט די געלט, אבער אויב דו וואלסט זיך פארלאזט נאר אויפ'ן אייבערשטן וואלסטו שוין לאנג צוריק געהאט די געלט"...

## געהאלפן געווארן בזכות מאכן אן עירוב

פאר'ן זומער תשע"ט לפרט קטן האט דער ראש ישיבה שליט"א געבעטן איינער פון די תלמידים צו מאכן אן עירוב ארום דעם מיידל קעמפ, דער אינגערמאן האט געארבעט זייער שווער דערויף, ער האט כמעט נישט געהאט קיין הילף דערביי, ביז ער האט עס מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אהערגעשטעלט אויפ'ן צווייטן שבת פון קעמפ, א

קורצע צייט דערויף איז זיין ווייב געהאלפן געווארן, איז ער געגאנגען זאגן דעם גוטן בשורה פאר'ן ראש ישיבה שליט"א האט דער ראש ישיבה שליט"א אים געזאגט: "קען זיין אז דאס האסטו באקומען אינעם זכות פון מאכן דעם עירוב דעם פארגאנגענעם זומער[א][ב]".

[א] דער ראש ישיבה שרייבט אין 'עצתו אמונה' (פרשת שלח תשע"ט): עס איז מקובל פון צדיקים אז דער וואס מאכט אן עירוב איז זוכה צו גרויסע נסים, בפרט אין זרע של קיימא. אזוי ווי עס איז ידוע דער סיפור אז א איד וואס האט נישט געהאט קיין קינדער איז געקומען צום הייליגן ייטב לב זכותו יגן עלינו פאר א ברכה און דער ייטב לב האט אים געזאגט ער זאל מאכן דעם עירוב, אזוי האט ער געטון און ער האט זוכה געווען צו זרע של קיימא.

[ב] א בריוו פון עצתו אמונה (פרשת אמור תש"פ): איך בעט אייך זייער, ווער עס קען העלפן ענדיגן בויען דעם עירוב זאל צולייגן א האנט; מיר דארפן הילף, סיי בגוף, סיי בממון און סיי מיט חיזוק ווערטער פאר די איבערגעגעבענע אינגעלייט און בחורים וואס געבן אוועק טעג און נעכט אז מיר זאלן האבן א כשר'ע מהודר'דיגע עירוב.

העלפן בויען אן עירוב איז מסוגל פאר גרויסע ישועות, ובפרט געהאלפן צו ווערן מיט זרע של קיימא; אפאר משפחות וואס האבן געגעבן צדקה פאר'ן עירוב האבן שוין געזען גרויסע ניסים וואס מען וועט קענען דערציילן אם ירצה ה' מיט א מזל טוב.